**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקול באפעלט סטעיט לענדמארקס צו ווערן אויפגעלאכטן אין בלוי און ווייס אלץ מיטלייד מיט מדינת ישראל**

***גאווערנער באפעלט די ניו יארק סטעיט פאליציי צו ארבעטן אינאיינעם מיט לאקאלע געזעץ איינפארסירער און קאמיוניטי פירערס צו באשיצן ערטער אין געפאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט באפוילן אז לענדמארקס איבער'ן סטעיט זאלן ווערן באלאכטן אין בלוי און ווייס אלץ מיטלייד מיט מדינת ישראל נאך די שוידערליכע טעראר אטאקעס פון חאמאס.

"ניו יארק שטייט צוזאמען מיט מדינת ישראל - היינט און יעדן טאג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק איז שטאלץ צו זיין די היים פון די גרעסטע אידישע באפעלקערונג אינדרויסן פון מדינת ישראל, און אלץ גאווערנער בין איך אנטשלאסן צו טון אלעס וואס איך קען צו פארזיכערן אז די קאמיוניטי ווערט געשטיצט, דערהויבן און באשיצט."

לענדמארקס צו באלאכטן ווערן רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייגאנג טויער און עקספא צענטער
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- ניאגארא וואסערפאלן
- מויניהאן באן האל
- די וועג איבער די האדסאן סטעיט פארק און פריינט פון די וועג איבער די האדסאן
- קאַסיאָסקאָו בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייגאנג

פריער היינט, האט גאווערנער האקול באפוילן פאר די ניו יארק סטעיט פאליציי צו ארבעטן אינאיינעם מיט לאקאלע געזעץ איינפארסירער, אריינרעכענענדיג די NYPD אין ניו יארק סיטי, צו פארזיכערן אז שולן און אנדערע ערטער אין געפאר זאלן זיין באשיצט. כאטש עס זענען נישט פארהאן קיין דערוואוסטע געפארן אין דעם צייט, האלטן סטעיט באאמטע אן אויג אויף די צושטאנד אינאיינעם מיט פעדעראלע מיטארבעטער ביים FBI און די היימלאנד זיכערהייט דעפארטמענט.

די גאווערנער האט אויך גערעדט מיט פארשידענע אידישע קאמיוניטי פירערס און אויפגענומענע באאמטע צו פארשלאגן סיי וועלכע הילף וואס איז נויטיג אין די קריטישע צייט, און ארבעט צוזאמען מיט די אמעריקאנער סטעיט דעפארטמענט צו פארזיכערן אז ניו יארקער וועלכע רייזן יעצט אין מדינת ישראל קענען זיך פארזיכערטערהייט אומקערן אהיים.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418